בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַּאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אַז מֶען גְלֵייבְּט זֶעט מֶען נִיסִים

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים טִיף אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִין גֶעוָוארְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג.

דֶער תַּלְמִיד זָאגְט פַּארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "וַוארְט אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר בַּאלְד וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן וַואסֶער".
נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאגְט דֶער תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל: "רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין כִּמְעַט חַלֶשְׁ'ן"; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער תַּלְמִיד הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן וַוייס, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט – הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶועלְן גֵיין  אִינְאֵיינֶעם אִין וַואלְד, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אָנְגֶעגְרֵייט פַּאר דִיר וַואסֶער?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תַּלְמִיד: "יָא יָא, זִיכֶער! זִיכֶער גְלֵייבּ אִיךְ אִין דֶעם!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַּארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט

גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט אַ יְשׁוּעָה פַאר אוּנְז".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַן עָרֵל קוּמְט צוּ גֵיין מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער וָואס הֶענְגְט אִים פוּן זַיין פְּלֵייצֶע! דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט צוּ אִים אוּן גֶעבְּט אִים אַפָּאר פְּרוּטוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם עָרֵל: "גֶעבּ אוּנְז אַבִּיסְל וַואסֶער"; דֶער תַּלְמִיד מַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, אוּן עֶר הָאט צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיינֶע כֹּחוֹת.

זֵיי זֶעעֶן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס!"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְרֶעגְט דֶעם עָרֵל: "זָאג מִיר, וָואס טוּסְטוּ דָא אִין וַואלְד מִיט דִי צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער?" זָאגְט דֶער גוֹי: "אִיךְ וֵויס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל אַרֵיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד; אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא דְרֵיי טֶעג אִין וַואלְד, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַאר'ן תַּלְמִיד: "זֶעסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן אוּן אַרֵיינְשִׁיקְן זַיין קְנֶעכְט אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וַואסֶער".



טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גְרֵייט אָן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס יֶענֶער דַארְף; אַז מֶען גְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

**גענומען פון ספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1